אויף פרעמדע וועגן

א שפאנענדער ראמאן פון די לייד און קאמף פון דעם אידישן וואנדערער

פון דר. ל. ב—ן

(פארזעצונג)

— דו מוזט גיין גלייך צו מיר — האט עטינבערג גערעדט ווייטער — וואס וואונדערסטו זיך אזוי? — האט ער זיך א כאפ געטאן, באמערקנדיק ווי דאקטאר עפשטיין איז צעמישט: — זי איז קראנק זי האט א גאנצע נאכט געברענט ווי א שטיק פייער... איך האב געוואלט לויפן צו דיר אין מיטן דער נאכט, אבער ליובא האט עס ניט דערלאזט... זי האט איצט מיר אויף פארבאטן דיר צו רופן, אזוי בייז איז זי אויף דיר... און זי האט רעכט, וואלאדיא... שעמען מעגסטו זיך... איך האב דיר קיין שלעכטס דאכט זיך, דיר קיינמאל ניט געטאן!

— ווארט — האט אים דאקטאר עפשטיין אונטערבראכן מיט אן אויפגערעגטן קויל, און ער איז געווארן בלייך, ווי קאלך.

— ווארט שרייט ניט אזוי!... קומט אריין אין הויז!

ער איז שנעל דורכגעלאפן דעם קארידאר, געעפנט די טיר און ער איז אריינגעלאפן אין קיך. און עטינבערג נאך אים.

ביי דאקטאר עפשטיין'ען איז שוין מער קיין ספק ניט געווען, אז עטינבערג רעדט עס וועגן דער געשיכטע אין דזשעקסאן סטריט פארק...

— נאר רואיק מר. עטינבערג, רואיק, ניט געשריען! — האט ער געזאגט מיט א פארשטיקטן קול, קוקנדיק עטינבערג'ן אין די אויגן אריין, און טראכטנדיק דערביי: — וואס קאן איך אים אויף דעם ענטפערן?

— שרייען? וואס העלפט דא דאס שרייען ם? — האט מיט פארדראס געזאגט עטינבערג און ער האט א קוק געטאן אויף דאקטאר עפשטיין'ען מיט בייזע אויגן: — אליין וועט דא ניט העלפען פעטש, קאנען דא העלפן, פייערדיקע פעטש!... דו קאנסט דאך מיר, דו ווייסט דאך איז איך קאן געבן!...

עפשטיין האט זיך דערשראקן אפגערוקט פון אים און ער האט ניט ארונטערגענומען פון אים די אויגן. און עטינבערג, דערמאנענדיק זיך פלוצלונג אן דער הלואה וואס ער האט דערווארטעט צו קריגן ב ייאים, האט א טראכט געטאן: — טאקע וואס קריג איך זיך מיט דעם פארליעץ?... ער וועט דאך נאכדעם ניט וועלן לייען!... און ער האט שוין מיט אן אנדער טאן גענומען ריידן: — פע, וואלאדיא, דו האב קיין פאראיבל ניט, דו האסט מיר נעכטן ניט געדארפט אוועקזעצן לעבן א שיכור'ן כורלינאן... אי מיך האסטו באליידיקט, אי ליובא איז פון פארדראס, וואס יענער האט מיך פאר אלעמען אין די אויגן אזוי גראב אפגעזידלט, קראנק געווארן.

— שרייען? וואס העלפט דא דאס שרייען? — האט מיט פארדראס געזאגט עטינבערג און ער הא טא קוק גע־ דאקטאן עפשטיין'ען איז איצט קלאר געווארן, וועגן וואס עטינבערג רעדט און ער האט דערפילט, ווי א שווערער שטיין וואלט זיך פון זיין הארצן אראפגעקייקלט. ער הא טאפילו א שמייכל געטאן.

— גלויבט מיך, איך בין ניט שולדיק — האט ער געזאגט מיט א שמייכל אויף די ליפן, אפציענדיק דעם אטעם.

— ווער דען איך?

— ניט איך מר. עטינבערג — האט עפשטיין ווידער געזאגט.

— דו, דו, וואלדיא, נאר דו! — איז עטינבערג ווידער געווארן אויפגערעגט און ער האט זיך שוין מער ניט געקאנט באהערשן: — נאר דו! קיינער קאן מיך ניט אזוי ווי דו! דו האסט מיך ניט געטארט אוועקזעצן לעבן א שיכור!

— וואס קלאפט ער מיר דא א מוח מיט זיין האנאר! — האט דאקטאר עפשטיין א טראכט געטאן אין זיך — און איבערהויפט, וואס רעדט ער צו מיר אין אזא טאן?

— אלזא וואס ווילט איר, מר. עטינבערג? — הא טער ארויסגערעדט מיט איינגעהאלטענעם כעס.

— איך וויל אז דו זאלסט געדיינקען, ווער איך בין — האט עטינבערג געענטפערט מיט ווירדע.

דאקטאר עפשטיין האט זיך אנגעצונדען.

— און ווייטער? — האט ער ארויסגערעדט מיט א קול, וועלכער האט געציטערט פון אויפרעגונג, און ער האט א קוק געטאן אויף אים מיט איראניע.

— ווייטער? טוט זיך גלייך אן און גיי צו ליובא'ן... זי איז קראנק געווארן פון פארדראס, וואס מען האט נעכטען באליידיקט איר פאטער אין דיין הויז...

עטינבערג'ס קול האט אלץ מער און מער אויפגערעגט דאקטאר עפשטיין'ען. דאס איז געווען דער זעלבער טאן, מיט וועלכן עטינבערג פלעגט צו אים ריידן אין קיעוו... און פלוצלונג האט ער זיך דערמאנט, ווי אזוי עטינבערג האט אים אמאל גראב באליידיקט פאר עפעס א קלייניקייט, בעת ער איז ביי יענעם געווען אויף דער שטעלע... און א בייזער געפיל האט זיך דערוועקט אין זיין נשמה... איבער זיין פנים האט זיך צעגאסן א רויטע פארב און ער האט א בלישטשע געטאן מיט די אויגן. אין דער דאזיקער מינוט וואל טער גערן ארויס געווארפן עטינבערג'ן פון זיין הויז. דא אבער איז אין זיין מוח דורכגעלאפן א דונקעלער געדאנק וועגן ליובא'ן, און ער האט זיך מיט גוואלד באהערשט.

— איך קאן ניט גיין — האט ער שטיל ארויסגערעדט און ער האט געקנייטשט דעם פנים און דעם שטערן, ווי פון עפעס א ווייטאג: — רופט דאקטאר רייכמאן'ען... די דריטע הויז פון דאנען...

ער האט אויפגערעגט גענומען גיין איבער'ן צימער, און, אפשטעלנדיק זיך לעבן טיש, האט ער נערוועז גענומען קלאפן מיט די פינגער איבער א טעצל, וואס איז דארט געשטאנען.

— וואס הייסט, דו קאנסט ניט גיין? — האט עטינבערג זיך אפגערופן מיט אן אויפגערעגטן קול און, אנעמענדיק זיך פאר דער בארד, האט ער מיט ווירדע פארריסן די פלייצעס: — דו ביסט מיר עפעס, וואלאדיא, צו שטארק אויף'ן פערד, זע, דו זאלסט אמאל ניט ארונטערפאלן און זיך צעשלאגן די נאז!

מר. עטינבערג! — האט דאקטאר עפשטיין א געשריי געטאן מיט כעס.

— דו מיינסט, אז דו ביסט א דאקטאר, ביזטו שוין א גאנצער יאטעביאדאם־ניק?... נאר וואס דו ביזט, איך בין אמאל געווען מער מאכער פון דיר, און שפעטער קאן זיך נאך ווידער אזוי דאס רעדל א דריי טאן, און ביי דיר וועט ווידער אן ערע זיין, ווען איך וועל מיט דיר ריידן א ווארט!...

— זאלט איר מיט מיר ניט ריידן!

— האט דאקטאר עפשטיין נאך העכער א געשריי געטאן, און ער האט א קלאפ געטאן מיט כעס אין דער טעצל, וועלכע האט גענומען ציטערן מיט א קלונג אויפן טיש.

— שריי דו ניט אויף מיר, וואלאדיא! — האט עטינבערג שטריינג געזאגט, אויסשטעלנדיק אויף אים זיינע גרויסע און שווארצע אויגן: — איך בין ניט דיין טאטנס משרת, בהמה דו!...

דאקטאר עפשטיין הא טא שפרונג געטאן.

— גנעוג! — האט ער אויסגעשריען מיט א היזעריקן קול. — גענוג! איר זייט אן אייזל, אן אידיאט, א משוגענער, און איך וויל אייך ניט קאנען! גייט פון דאנען, גייט!...

און ער האט א כאפ געטאן די טעצל פון טיש און ער האט עס שמיץ געטאן אן דער ערד, דאס טעצל איז צעבראכן געווארן אויף פיץ־פיצלאך...

עטינבערג איז געווארן בלייך און ער האט א ציטער געטאן. דאן האט ער עפעס א מורמל געטאן אין בארד אריין און ער איז א צעקאכטער ארויס פון צימער...

דאקטאר עפשטיין איז געבליבן שטיין מיט אן אויפגערעגטן פנים אין מיטן צימער און ער האט שווער געסאפעט מיט דער ברוסט און מיט'ן גאנצן קערפער. דאן האט ער זיך א ווארף געטאן אויף א שטול און ער האט זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענט פאר'ן קאפ, און ער האט א קרעכץ געטאן.

קאפיטל 17

— פארוואס האב איך אים ניט געפאטשט אין קיעוו? — האט עטינבערג געמורמלט ארויסגייענדיק אין דרויסן און ער האט געביסן די ליפן: — אך פארליעץ, פארריסן אזוי די נאז!... טרייבט מיך!... און ווארום האב איך אים איצט ניט מכבד געווען? מיך טרייבען? מיך?!... נו, עטינבערג, נו? אמעריקע, הא? — האט ער געטראכט מיט גאל, מיט ביטערניש און ער האט זיך שיר ניט צעוויינט.

א ווינט האט געיאמערט און געדרייט דעם שניי...

עטינבערג האט נאך קיין צייט ניט געהאט צו מאכן עטלאכע שריט פון דאקטאר עפשטיינס הויז, ווי דער ווינט איז צוגעפלויגן צו אים מיט א יאמער און, א פאטש טוענדיק אים אין פנים מיט שניי, האט ער פון אים די הוט ארונטערגעריסן און זי גענומען טראגן און דרייען איבער דעם טראטואר און אראפ איבער איסט בראדוויי.

א פארבייגייער, וואס איז אנגעקומען אנטקעגן, האט פארכאפט די הוט מיט א פוס, האט איר אויפגעהויבן און עס דערלאנגט עטינבערג'ן.

דער פארבייגייער איז אין א קורצן און זומערדיקן רעקל, איז געווען אהאלב שיכור'ער אירלענדער און ער האט געבעטן עטינבערגן אויף א "טרונק".

עטינבערג האט אים ניט פארשטאנען, דאך האט ער א מאך געטאן צו יענעם מיט'ן קאפ, דיינקענדיק, אז יענער רעדט צו אים מכוח דעם שלעכטן וועטער און ער האט א פאר מאל ארויסגערעדט:

— יעס, סער! יעס, סער!...

יענער האט געקוקט אויף מיט דרך ארץ, דערווארטנדיק גלייך צו קריגן די מטבעה פון עטינבערג'ן... אבער ווי איבערראשט איז ער געווארן, ווען עטינבערג האט זיך צו אים אומגעקערט מיטן רוקן און ער האט גענומען גיין, ניט געבענדיק אים קיין פעני...

— סעי! — איז ער נאכגעפאלגט נאך עטינבערג'ן — איר האט דאך מיר פארשפראכן צו געבן עטלאכע סענט.... איר האט דאך געזאגט: "יעס".

עטינבערג האט זיך ווידער א קער געטאן צו אים און, צוהאלטנדיק מיט דער רעכטער האנט די הוט אויף'ן קאפ האט ער אנגעקוקט דעם פארבייגייער מיט פארוואונדערטע אויגן, טראכטנדיק: — דער טייוול ווייסט, וואס ער רעדט דארט

— יעס, יעס, סער, יעס! — האט ער געזאגט, אקוראט ווי ער וואלט יענעם וועלן זאגן: — איך בין מיט דיר איינפארשטאנען, דו ביזט טאקע גערעכט, אבער לאז מיך צופרידן!...

און ער איז אוועק ווייטער.

פלוצלונג האט ער דערהערט הינטער זיך א בייזן קול: — וואהיסקרס! (בארד)

און איידער ער האט נאך צייט געהאט זיך אומצוקוקן, איז א הארטער קייקל שניי געפלויגן אים אין נאקן.

ער האט זיך א כאפ געטאן און ער האט זיך אומגעקוקט. דער מאן, דער פארבייגייער איז געשטאנען א צוואנציק טריט פון אים מיטן גאס, האט געקייקלט אין די הויפנס שניי, געשריען "וואהיסקערס" און ער האט זיך געדרייעט מיט אים, ארויסשטעלנדיק אים די צונג.

עטינבערג האט אויסגעגלאצט אויף אים ביידע אויגן.

— טי סווינטוף! (דו חזיר) — האט ער א געשריי געטאן אויף רוסיש און ער האט אים געוויזן זיין פויסט.

— קאם אן! קאם אן! — האט יענער געשריען, צוגייענדיק צו עטינבערג'ן עטלאכע טריט נענטער. האט ער אויסגעשטרעקט צו אים זיינע ארעמס מיט דעם קייקל שניי אין דער רעכטער האנט און ער האט זיך גענומען דרייען אין דער לופטן.

א פארבייגייער, וועלכער האט אויסגעקוקט צו זיין א איד, האט געזאגט צו עטינבערגן:

— ר' איד, ר' איד, טראגט זיך אפ, מאכט קיין עסקים מיט אן ערלי, ער וועט אייך צו'הרג'ענען!...

—איך האב פאר אים ניט מורא! — האט עטינבערג זיך אנגערופן מיט כעס.

פלוצלונג האבן זיך פון אלע זייטן גענומען שיטן אויף אים קייקלאך שניי... זיי האבן אים געטראפן אין קאפ, אין נאקן, אין רוקן, אין פנים, אין האלז, און אונטער'ן קאלנער...

פון ערגעץ א ווינקל איז ארויסגעגאנגען א חברה אינגלאך: אי קריסטלאכע אי אידישע און ווען זיי האבן פאר זיך דערזעען א מאן מיט א גרויסער בארד, האבען זיי אים אויך גענומען באמבארדירן...

און די קייקלאך שניי האבן זיך געשאטן און האבן אים געקלאפט אין אלע זייטן.

פלוצלונג האבן די אינגלאך זיך צעלאפן אין אלע זייטן: א מאן מיט א שטעקן, אן א הוט, וועלכער איז ארויסגעלאפן פון א דערבייאיקער הויז, האט זיך גענומען יאגן נאך זיי. דער האלב שיכור'ער אירלאנדער האט זיך אויך אין דערשנעל אפגעטראגן.

דער מאן וואס האט זיך געיאגט נאך די אינגלאך, איז געווען דאקטאר עפשטיין

ער האט דערהערט דעם געשריי פון די קינדער, איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער און, דערזעענדיק, ווי מען האט אטאקירט עטינבערג'ן, האט ער זיך קיין אויגנבליק ניט מישב געווען, געכאפט א שטעקן און ער איז ארויסגעלאפן אין דרויסן...

עטינבערג האט אים ניט דערקאנט, ער איז געשטאנען א בלייכער, א צעמישטער, און ער האט שווער געאטעמט, א קאלטער שוויים האט ארויסגעטראטן אויף זיין שטערן. א געפיל פון עלנט האט אים אין גאנצן ארומגענומען.

באלד האט זיך דאקטאר עפשטיין צוריקגעקערט אן אויפגערעגטער, מיט א פולער קאפ שניי, איז א פארסאפעטער צוגעגאנגען צו עטינבערג'ן און ער האט אים אנגענומען פאר א האנט.

ארום האבן זיך דערווייל פארקליבן מענשן.

דערזעענדיק, אז דער מאן, וואס האט פאריאגט די אינגלאך, איז געווען דאקטאר עפשטיין, האט זיך עטינבערג'ן פארוואלט וויינען, און ער האט א קוק געטאן אויף דאקטאר עפשטיין'ען מיט אזא רחמנות'דיקן בליק, אקוראט ווי ער וואלט וועלן זאגן: — איך האב גוט דערלעבט, וואלאדיא?... דו טרייבסט מיך, אין דרויסן פארפאלגט מען מיך, גוט הא?

(פארטזעצונג — קומט)

דאקטוירים — Doctors' Directory

IN ALPHABETICAL ORDER

	Residence	Office
דר. ס. דזש. בערמאק, 834 מיין סטריט אפיס שטונדן פון 2—4 און 7—8 DR. J. C. BERMACK	51 250	53 578
דר. דזש. ברענער, 367 סעלקירק עווניו אפיס שטונדן: 3—5, 7.30—8.30 DR. H. D. ISAACS & DR. J. BRENER	54 107	54 107
דר. א. גוטמאן, 5—304 עווניו בלאק 265 פארטעדזש עווניו אפיס שטונדן: 10—12, 2—6 און ביי אפאינטמענטס DR. A. GUTTMAN	53 422	26 947
דר. ס. דזשאוויש, 404 באיד בלדג. שטונדן. 11—12 און 3—6 און ביי אפאינטמענטס DR. SIMON JAUVOISH	54 429	22 717
דר. וו. הערשפילד, 576 מיין סט. קאר. אלעקסאנדער עוו. אפיס שטונדן 11—1, 2—5 און 7—9 DR. H. HERSHFIELD	28 153	26 600
דר. ב. א. וויקטאר, קאר. סעלקירק און סאלטער (איבער דער באנק) אפיס שטונדן פון 3—5 און 7—8 DR. B. A. VICTOR	51 772	52 744
דר. א. מאיס, סט. דזשאנס בלאק, פריטשארד און מיין אפיס שטונדן פון 2—4.30 און 7—9 DR. A. MOYSE	52 278	53 720
דר. דזשא. בי. מעקטעוויש, שטונדן 2—5 און 7—9 פרויען און קינדער קראנקהייטן 500 קאלעדזש עווע., רעזי. 504 קאלעדזש עווע. DR. GEO. B. McTAVISH	52 376	
דר. י. פערלמאן, 291 באראוס עווע., קאר. טשארלס אפיס שטונדן פון 3—5 און 7—8 DR. I. PEARLMAN	53 181	53 181
דר. ס. קאברינסקי, סוויט 2 קראמפ בלאק (מיין און דאפערין עווע.) אפיס שטונדן פון 3—5 און 6.30—8 DR. S. KOBRINSKY	51 968	54 866
דר. מעקס ריידי (עקס רעי) 283 פארטעדזש, קאר. סמיט (100 טאראנטא דזשענ. טראסט בלדג.), לעבן איטאנס שטונדן: פון 2—6 אוונט און ביי אפאינטמענטס DR. MAX RADY	49 763	24 480
דר. סעם ראדין, ראיאל בענק בילדינג (מיין און סעלקירק) אפיס שטונדן פון 3—4 און 6—8 DR. SAM RODIN	52 614	53 915
דר. א. ל. שובין, אפיס שטונדן 11—12 און 2—6 אפיס: בענק אף קאמערס בלדג., מיין און אלעקסאנדער רעזידענס: 414 סטעלא עווע. DR. A. L. SHUBIN	59 473	88 916
אויגן, אויערן, נאז און האלז		
דר. י. ה. בעקמאן, 800 באיד בילדינג DR. J. H. BECKMAN	51 848	28 281
דר. ד. מ. דזשענאף, 2-830 סאמערסעט בלאק DR. D. M. GENOFF	51 359	24 465
קינדער קראנקהייטן		
דר. ה. מעדאווי 904 באיד בלדג. 3—5; 332 מאניטאבא עוו. 11—12 DR. H. MEDOVY	53 320	88 018

דענטיסטען — Dentists Directory

IN ALPHABETICAL ORDER

	Residence	Office
דר. י. בן עזרא, ב.א. 962½ מיין סט. קאר. סעלקירק DR. I. BEN EZRA, B.A.	41 652	51 560
דר. מ. א. ברעגמאן, סוויט 1 סט. דזשאנס בלק., 984 מיין סט. DR. M. A. BREGMAN		53 720
דר. ס. אי. גרינבערג, 414 באיד בילדינג. DR. S. E. GREENBERG.		86 115
דר. א. גארדנער, 409 סעלקירק עווע., קאר. סאלטער. (איבער דער ראיאל באנק) DR. A. GARDNER	39 829	52 744
דר. ס. טשוירטשיל, סוויט 1, טריק בלאק, 972 מיין סטריט. DR. S. H. CHURCHILL		56 056

הײמאן און העסטרין
באריסטערס, סאליסיטארס און א. וו.
216 — מעקאינטייר בלאק — 216
טעלעפאן 21 627
מר. העסטרינס וואוינונג:
306 סט. דזשאנס עווע. טעל. 53 133

שינביין, מאראזניק און ראבלין
Shinbane, Morosnick & Roblin
Barristers, Solicitors and Notaries
באריסטערס, סאליסיטארס, נאטאריוס
Office: 207-8 Confederation Life Bldg.
457 Main St. Opposite City Hall
טעלעפאן 21 345—6

טשערניאק, קאפשטיין און ספיוואק
Barristers, Solicitors, Etc.
460 מיין סטריט
טעלעפאן 24 591 און 24 666

א. ע. קאנטאר
אדוואקאט און נאטארי
A. E. CANTOR
אפיס: 210 נאטר דיים עווניו
טעלעפאן 89 223
רעזידענס:
103 בענערמאן עווע. טעל. 51 353

ח. שולמאן
אדוואקאט און נאטארי
געלט צו לייען אויף 6% פראצענט
אפיס: 592 מיין סטריט
H. SCHULMAN, B.A., LL.B.
לאו אפיס
Ste. 11, 592 MAIN STREET
צווישן לאגאן און אלעקסאנדער
טעלעפאן 88 462

דייווידסאן און ראטנער
Davidson & Ratner
באריסטערס, סאליסיטארס און א. וו.
Barristers, Solicitors, etc.
Office: 406-7 Avenue Bldg. Ph. 26 080
265 Portage Ave. Winnipeg

"פריז טיטשער"

בלויז לערער וויסן ווי שווער עס איז צייטנווייז צו האנדלען מיט א פולן קלאס צימער מיט קינדער.

וואס פאר א דערלייכטערונג עס איז, צייטנווייז, ווען די שול פארמאכט זיך.

נעמט זיך דאמאלסט צייט צו מאכן א גלאז טיי.

קיין זאך איז ניט אזוי לאשטשענדיק פאר מידע נערוון.

רעד ראָז טיי
איז "גוטער טיי"

צוויי קוואליטעטן — גרין לייבל און ארענדזש פיקאו

פארשיידענע נאטורן

(שלום פון זייט 2)

שע ביי דער קלענסטער געלעגנהייט און אנברייינגען אלערליי פורענויות דורך אמביציע און זעלבסטליבע פון יחידים.

די מידה פון מחלוקות איז אונז גוט באוואוסט און קיין פירושים זיינען ניט נויטיק...

* * *

פונקט ווי אין די אורעלטע צייטן האבען די אידן באלייכטן דעם וועג אין דער וועלט געשיכטע, ביינגעשטייערט די גרעסטע אוצרות אין ליטעראטור, און געגעבן דער וועלט א רעליגיע וואס שטייט נאך אפילו היינט ווי א מאנומענט פון קלאסישער ליטעראטור, פונקט פארקערט זיינען אידן אין די שפעטערדיקע יארהונדערטער ביסלאכווייז אפגעשטופט געווארן און צוריקגעשטאנען פון אלע הויכע קוואלן פון ליטעראטור, וויסנשאפט, קונסט, טעכניק און עטיק.

וואו זיינען די ביישטייערונגען היינטיקען טאג פון די אידן אויף דעם געביט פון עראפלאנען, ווייערלעס, מאשינערי, ארכיטעקטור, אינזשינירונג, טעלעפאן, אויטאמאבילס, טעקסטילס, פאפיר אינדוסטריע, מינעראלן, אייזן אינדוסטריע, כעמיע, עלעקטרישער קראפט, באנען און שיפן טראנספארטאציע און טויזנטער אנדערע געביטן?

קענען איין איינשטיין, מייקעלסאן, בערגסאן, בראנדייס (ליטעראטור קריטיק), ערלאך, (606) און נאך אייניקע גדולים, קאנען מיר אויסרעכענען אז א שיעור גדולים ניט אידן אויף אלע געביטען פון ליטעראטור, וויסנשאפט, פאליטיק, טעכניק און נאך אנדערע דירעקציעס.

אנהויבנדיק מיט אייניקע הונדערט יאר צוריק, ווען די ערשטע דרוקעריי איז אנטדעקט געווארן פון א ניט־אידן, צוזאמען מיט די גרויסע דענקער און שרייבער פון שפעטערע צייטן, ווי שעקספיר, בייראן, דארווין, בערנארד שאו, ה. י. ה. י. וויילס, געטע, שילער, זאלא, גאגאל, טאלסטאי, פושקין, לאנגפעלא, אריבערשפרייזנדיק צו דער היינטיקער צייט וואו עדיסאן, מארקאני, זעפעלין און פיל אנדערע וועמעס נעמען איך געדענק איצט ניט, אבער וועלכע האבן מיט געשטייערט צו דער גרויסער אנטוויקלונג אויף אלע טעכנישע געביטן פון וועלכע מיר געניסן היינט, וועט איר באמערקן זייער ווייניק אידן אין דער צאל פון די נייע דערפינדער, פיקייכט געציילטע פאר אידן, וועלכע מישן זיך אויס אין דער גרויסער צאל ניט אידן און ווערן בטול בששים.

אפילו אין דער וועלט פון פינאנץ ווערען מיר, אידן, לעצטנס, ביסלאכווייז ארויסגעשטופט פון דער הויכער פאזיציע וואס מיר האבן אמאל פארנומען מיט יארען צוריק. די ראטשילדס און שיפס שפילען שוין פיל א קלענערע ראל ווי אמאל. היינט פארנעמען אנדערע בערן אין די פינאנץ וועלטן, וועמענס נעמען זיינען ווייט פון זיין אידישע. אין דער שפיץ פון די גרעסטע טראסטן שטייען די מארגאנס אין אמעריקע, זאכאראף אין בולגאריע, דער איטאליענער פרעזידענט פון באנקא אמעריקאנא און נאך פיל אנדערע שפילן איצט א גרעסער ראל ווי וועלכע עס איז פון אונזערע אידן. עס זיינען פאראן א סך שטילע ניט אידישע ביליאנערן, וועלכע ווערן ווייניק דערמאנט אפט אין דער עפנטלאכקייט, אבער וועלכע איבערשטייגען ווייט אלע אונזערע גדולים אין פינאנץ.

* * *

עס זאל אונז ניט זיין צו קיין גנאי, נאר מען מוז דאך מודה זיין, אז ניט נאר הויבן אן די אומת העולם אונז לעצטנס צו איבערשטייגן אין פינאנץ, טעכניק, אינדוסטריע, שיף און באן טראנספארטאציע, נאר אפילו אין ליטעראטור, מוזיק, פילאזאפיע און דערפינדונגען שטייגן זיי, די ניט־אידן, אונז איבער אין יעדן הינזיכט. אויך אין אנדערע הינזיכטן איבערוועגן זיי אונז אידן אויף אלע אופנים.

אין געדולד, רואיקייט, געלאסנקייט, אין דעם מאגן מיר נעמען "צענדליקער לעקסאנס" פון זיי. זייערע און אונזערע טעמפעראמענטן זיינען אזוי ווייט ווי מזרח פון מערב. און צי זייער בלוט איז געמישט מיט וואסער און אונזער בלוט איז ריין און קלאר ווי אלבאסטער, ווייס איך ניט, נאר איין זאך קאן מען קאנסטאנטירן, — אז אונזער בלוט איז הייס, קאכיק און זודיק, און זייערס איז קאלט געלאסן און רואיק. ניט איינמאל זיינען מיר זיי מקנא דערפאר, טא לאמיר זיך עפעס אויסלערנען און איבערנעמען מידות פון זיי ווי צו קאנטראלירן זיך, איינהאלטן דעם טעמפעראמענט אין געוויסע מאמענטן.

* * *

אפשר זייט איר מיך חושד, אז איך בין א אידישער אנטיסעמיט וואס איך רעד אוי די אידן לשון הרע, האט איר מבחילה א גרויסן טעות. עס איז ניט מיין צוועק צו דערנידעריקן און פארמינערן דעם אידישן ווערט אדער ווערן א בעל מוסר און שטראפן די זינדיקע.

איך זעלבסט, שלים מיך אויך איין אין דער צאל פון אומגעדולדיקע, הייסע טעמפעראמענטן. מיינע נערוון זיינען אויך געקנאטן פון דעם זעלבן ליים ווי אייערע, און איך לייד אויף די זעלבע חסרונות פונקט ווי מיר אלע.

און דאך וויל איך זאגן, און וועל שטענדיק באהויפטן, אז מיר, אידן, מאגן עטוואס לערנען פון זיי אויף פיל געביטן.

מיר מאגן איבערנעמען פון זיי דאס וואס איז גוט, און פארווארפן דאס וואס איז ניט ווינשנסווערט. רופט עס ניט אסימילאציע. ניין, עס מיינט בלויז אויסבעסערן מאנכע אונזערע מידות און אדאפטן זייערע העכערע, שענערע פרינציפן, אבער בשום אופן ניט קאפירן פון זיי דאס וואס איז ניט ווינשנסווערט.

באמערקונג פון רעדאקציע: זעלבסטקריטיק איז זיכער א גוטע זאך, אבער אונזער חשוב'ער מיטארבעטער, גלויבן מיר, איז דא זייער שטארק מגזם סיי די אידישע חסרונות, און סיי די גויאישע מעלות. באזונדערס מאכט ער א טעות מינימיזירנדיק די גוואלדיקע בייטראגן פון די אידן אויף אלע געביטן פון טעכניק, קונסט און וויסנשאפט, וואס זיינען אן א פארגלייך גרעסער, ווי די אידישע פראפארציע.

ווענן דעם וועט נאך מסתמא דערמאנט ווערן אין אונזער צייטונג.

אן אינטערעסאנטע צייט-פארטרייב
פאר יונג און אלט

פול מיט שפאס און פעאיקייט
מאט טהאמפסאנס
דילי-דעלי
גאלף קאורס נומער 1
מיין סטריט נארט
ביים סט. דזשאנס פארק
אנטקעגן קאלעדזש און מאונטען
10c קינדער ביז 16 יאר פון 9 פרי ביז 1 נ. מ.
25c דערוואקסענע צו יעדער צייט
די דאזיקע פרייזן שליסן איין דעם געברויך פון קלאבס און באלס

איבעראל אין דער וועסט

פאבריצירט אין קאנאדע אונטער קאנטראל פון דער רעגירונג. געריינינקט פיר מאל און געצייטיקט אין באנד פאר יארן

געבאטלט אין 2 סייזעס:
40 אונצ. פלעשל
26 אונצ. פלעשל

MELCHERS
FINEST
CANADIAN
GENEVA

Melchers
Gold Cross
Canadian Gin
Melchers Distilleries Limited, Montreal
Distillers since 1898